## עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** עס ווערט דערמאנט עטליכע מאל אין די פרשה די וואך דעם ענין פון תשובה, למשל "ושבת עד ה' אלקך..." יעצט אז מיר האלטן "לבוד" צום יום הדין, איז כדאי זיך צו מתבונן זיין און מאכן א חשבון הנפש אויף וואס מען דארף תשובה טון. דער פאלגענדער מעשה וועט אונז אי"ה מעורר זיין צו טון א חשבון הנפש פארן גרויסן משפט.

דר. תמיר ירון (זיין עכטע נאמען) איז אמאל נישט געווען אזא פרומער איד. ער איז אויפגעוואקסן אין ארץ ישראל וואו די חילוניים (פרייע) האבן ליידער אלעס געטון צוריקצוהאלטן אידן פון ווערן אדער בלייבן פרום!

אפילו אז תמיר איז נישט געווען שומר שבת, פלעגט ער גיין יעדע שבת אינדערפרי צו שול. איין שבת, ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג אהיים, האט תמיר געזען איינע פון זיינע פאציענטען א געוויסע מר. גרין. וויבאלד אז תמיר איז געקומען דעמאלט אהיים פון שול, האט ער געטראגן א קאפעל אויפ'ן קאפ. בקיצור, ווען זיין פאציענט מר. גרין האט אים געזען, איז ער איבערראשט געווארן צו זען אז זיין פרייען דאקטאר תמיר האט געטראגן א קאפעל אויפן קאפ. ווען מר. גרין האט זיך דערנענטערט, האט ער געוויסן מיט זיין האנט אזוי ווי צו פרעגן תמיר "וואס איז דאס אויף דיין קאפ?"

תמיר האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון מר. גרין'ס תנועות. "שבת שלום," האט תמיר געזאגט צו מר. גרין. "שלום! נישט 'שבת שלום', נאר 'שלום!'" האט מר. גרין געזאגט בדווקאי.

"שבת שלום," האט תמיר געזאגט מיט א שטאלצקייט. אבער מר. גרין האט נאכאמאל געענטפערט "שלום!" אבער דער דאקטאר האט נישט נאכגעגעבן און ער האט געזאגט "היינט איז שבת!"

"אויב אזוי," האט מר. גרין געזאגט "שבת שלום... אבער וואס איז געשען מיט דיר, ביסטו געווארן דתי (פרום)?"

"ניין, ניין... אלעס איז אין ארדנונג..." האט תמיר געזאגט. "אויב אזוי, וואס טוט זיך מיט דעם קאפל?"

"איך קום אהיים פון שול," האט תמיר געזאגט, "איך בין נישט קיין דתי... איך בין א פשוט'ער אידו!" תמיר איז איבערראשט געווארן צו זען ווי מר. גרין האט אנגעפאנגען צו וויינען שטארק.

"וואס שטערט אייך אויב איך טראג א קאפעל?" האט תמיר געוואלט וויסן. מר. גרין האט אבער נישט געקענט רעדן ווייל ער איז געווארן אזוי שטארק נתרגש. תמיר איז אהיימגעגאנגען, ער איז נתפעל געווען אז זיינע ווערטער "איך בין א פשוט'ער איד" האבן אזוי פיל אויפגעשרויפן מר. גרין.

אפאר טעג שפעטער איז מר. גרין געקומען צו תמיר'ס אפיס. "האסט אפאר מינוט פאר מיך דר. ירון?" האט מר. גרין געפרעגט תמיר. "אוודאי, זעצט אייך אראפ."

תמיר האט גלייך באמערקט א שינוי אין מר. גרין'ס אויסזען, ער האט געטראגן א הוט, געווענטליך איז ער אלע מאל ארומגעגאנגען מיט אן אויפגעדעקטע קאפ. דאן האט מר. גרין אנגעפאנגען צו דערציילן זיין אינטערעסאנטען מעשה...

זיין זיידע האט געלעבט אין יוראפ אין די שווערע מלחמה יארן. ער האט נעבאך פארלוירן זיין גאנצע משפחה הי"ד און ער אליינס האט דורכגעלעבט די שווערסטע מצבים אין די לאגערן וכו'. איין טאג אין לאגער האט אן אפיצער אים אנגעכאפט און שטארק געשלאגן אפאר מינוט. נאכדעם האט דער רשע ארויסגענומען זיין פיסטול און עס געלייגט אויפ'ן זיידן'ס קאפ. "ווער ביסטו?" האט דער דייטשע חיה געפרעגט דעם זיידן.

"איך בין א פשוט'ער אידו!" דער רשע איז געווארן שטיל, און פלוצלינג האט ער אוועקגענומען דעם פיסטול פונעם זיידן'ס קאפ און ער איז אוועקגעגאנגען. מיט נסים האט דער זיידע איבערגעלעבט דער מלחמה און ער איז געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל. ער האט חתונה געהאט און ער האט אפאר קינדער געהאט, צווישן זיי איז געווען דער טאטע פון מר. גרין.

בקיצור, איין שווארצען טאג, איז מר. גרין'ס טאטע אוועק, און דער יתום (מר. גרין) איז געגאנגען וואוינען אינעם זיידען'ס הויז. דער זיידע פלעגט דערציילן נאכאמאל און נאכאמאל דעם מעשה פון דעם לאגער ווען ער האט געזאגט "איך בין א פשוט'ער איד." מיט די יארן איז דער זיידע נעבאך נישט געזונט געווארן און ער האט פארלוירן זיין שכל, ל"ע. אבער דאך, האט דער זיידע נאכאלץ דערציילט דעם מעשה פון "איך בין א פשוט'ער איד."

מר. גרין האט געענדיגט דערציילן דעם מעשה זאגענדיק אז דער זיידע און נסתלק געווארן נאר א שטיק צייט צוריק, און ער האט זיך שטארק געבענקט אויף אים. וועגן דעם ווען תמיר האט געזאגט "איך בין א פשוט'ער איד" האט עס שטארק מעורר געווען מר. גרין.

תמיר האט באדאנקט מר. גרין פארן דערציילן דעם אינטערעסאנטען מעשה. ער האט געהאלטן קאנטאקט מיט מר. גרין און זיין משפחה. שפעטער האט ער געהערט אז די גרין'ס האבן אנגעפאנגען זיך צו אינטערעסירן מער אין אידישקייט. זיי זענען געגאנגען צו אן "ערכים" סעמינאר וואס האט געמאכט א שטארקען רושם אויף זיי. אפילו מר. גרין'ס בני בית וואס איז פריער געווען שטארק קעגען אידישקייט, איז אויך צוביסלעך אנגעווארעמט געווארן צום דרך השם.

ווען תמיר האט דאס אלעס געהערט, האט ער אנגעפאנגען צו טראכטן... עס האט אלעס אנגעפאנגען מיט זיין טראגן א קאפעל אין שבת! "אפשר זאל איך זיך אויך אינטערעסירן צו פארשטיין וואס עס מיינט צו זיין א 'פשוט'ער איד.'" וכך הוה, און אזוי איז טאקע געשען, תמיר איז אויך געגאנגען צו אן "ערכים" סעמינאר, אין די וואך פון פסח. ער איז אהיימגעקומען פונעם סעמינאר מיט אן אנדערען בליק אויפן לעבן. און צוביסלעך זענען ער מיט זיין משפחה אויך נתקרב געווארן צו אבינו שבשמים! **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' יששכר דוב ע"ה
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:) מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."